NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08641

HANEH SENESH

Aharon Meged

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה סענעש

פון

אהרון מעגעד

רעדאַקטירט פון שמחה רובינשטיין

איבערגעזעצט פון העברעיש

מ. ח.

אילוסטרירט פון

לעסלאָ מאַטוליי

שער־בלאַט: יחיאל שיינבלום

פאַרלאַג: יידישע שול

מאָנטרעאל, תשכ״ט

CHANA SENESH

by A. MEGED

Edited by S. RUBINSTEIN

From the Hebrew

M. H.

ILLUSTRATIONS: LASLOW MATULAY

COVER: YECHIEL SHAINBLUM

JEWISH SCHOOL PUBLISHING HOUSE

7950 Wavell Rd.

Cote St. Luc 268, Que.

Printed in Canada by

METRO-GRAPHIC CORPORATION

Montreal, Quebec

1972

פאַרלאַג יידישע שול
ביי די מאַנטרעאַלער
יידישע פרץ־שולן און פאָלקס־שולן
געגרינדעט פון ירושה פאָנד
אין אָנדענק פון
נילאַ און אָטאָ ליבערמאַן ע״ה
(קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ)

Jewish School Publishing House of the
JEWISH PEOPLE'S SCHOOLS
JEWISH PERETZ SCHOOLS
Established by a Gift from the Estate of
NILA & OTTO LIEBERMAN
(Caracas, Venezuela)

א

אין דער שטאָט בודאַפּעשט, אין אונגערן, האָט געלעבט אַ יידישע פאַמיליע מיטן נאָמען סענעש. דער פאָטער האָט געהייסן בעלאַ סענעש, די מוטער — קאַטערינאַ, די טאָכטער — חנה און דער זון — גיורא.

די פאַמיליע האָט געוואוינט אין אַ גרויס הויז, אויף אַ באַרג, ניט ווייט פון דער שטאָט. לעבן הויז איז געווען אַ שיינער גאָרטן מיט אַ סךביימער.

דער פאָטער, בעלאַ סענעש, איז געווען אַ שרייבער, ער פלעגט שרייבן זייער שיינע דערציילונגען אין דער אונגערישער שפּראַך. אַלע קינדער האָבן געלייענט זיינע דערציילונגען.

חנה איז געווען א שיין מיידעלע מיט גרויסע אויגן, פול מיט ליכט. ווען מענטשן האָבן זי געזען אין גאַס, האָבן זיי געזאָגט, איינער צום צווייטן: — ווי שיין איז דאָס מיידעלע! דאָס ליכט אין אירע אויגן איז ווי דאָס ליכט פון דער זון.—

חנה איז געווען אַ תלמידה אין אַן אונגערישער שול. זי איז געווען די בעסטע אין קלאַס. אַלע קינדער האָבן זי ליב געהאַט. זי האָט אַוועקגעגעבן אַ סך צייט צו לייענען ביכער. ווי נאָר זי איז געקומען פון דער שול, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין איר צימער און געלייענט, אָדער געשריבן. פאַרנאַכט פלעגט זי ארויסגיין אין גאָרטן און אַרומשפּאַצירן צווישן די ביימער. זי האָט זייער ליב געהאַט די ביימער און די פייגעלעך, דעם הימל און דאָס ליכט פון דער זון.

איינמאָל איז חנה אַריינגעגאַנגען צו איר פאָטער אין צימער אַריין און געזען אַז ער שרייבט אַ דערציילונג.

— טאַטע, — האָט חנה געזאָגט — איך וויל אויך ווערן אַ שרייבערין, ווי דו. —

— ווען דו וועסט גרעסער ווערן, טאָכטער — האָט דער פאָטער געזאָגט — וועסטו אויך ווערן אַ שרייבערין. —

אין יענע טעג האָט חנה געשריבן אַ קליין ליד:

אַזויפיל זון, אַזויפיל שטראַלן,[1]
פייגל זינגען, קולות שאַלן.[2]
דאָס גאַנצע לאַנד איז ווי אַ גאָרטן —
אויך מיין האַרץ זינגט איצטער דאָרטן.

ב

אין אַ צייט אַרום איז חנה׳ס פאָטער שווער קראַנק געוואָרן. מ׳האָט אים גענומען אין אַ שפּיטאָל אַריין. אין דער היים איז געווען זייער טרויעריק.

יעדן טאָג איז חנה געגאַנגען, מיט איר מוטער, אין שפּיטאָל אַריין צו זען דעם טאַטן.

איינמאָל, אויפן וועג צום שפּיטאָל, האָט חנה געפרעגט ביי איר מוטער: — פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן דאָס שלעכטס אויף דער וועלט? —

— גאָט האָט באַשאַפן נאָר דאָס גוטע, טאָכטער — האָט די מוטער געענטפערט — שלעכטע מענטשן האָבן געטאָן דאָס, וואָס איז שלעכט.

אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע ווערן גוטע מענטשן קראַנק און שטאַרבן? — האָט חנה ווייטער געפרעגט.

די מוטער האָט גאָרנישט געענטפערט.

חנה איז אַריין מיט דער מוטער צום פאָטער אין שפּיטאָל

[1] Rays. [2] Cheer.

צימער. ס׳איז געווען שטיל אין צימער. דעם פאָטערס אויגן זיינען געווען צוגעמאַכט.

— טאַטע, טאַטע! — האָט חנה דערשראָקן אויסגערופן.

דער פאָטער האָט געעפנט די אויגן און שטילערהייט געזאָגט:

— זיי געזונט, חנה, טאָכטער מיינע. זיי געזונט, קאַטערינאַ, מיין ליבע פרוי. איך וועל באַלד שטאַרבן.—

— ניין, ניין! טאַטע, דו וועסט לעבן, וועסט לעבן! — האָט חנה זיך שטאַרק צעוויינט און געבליבן ליגן מיט איר קאָפּ אויפן פאָטערס בעט.

די מוטער איז געזעסן לעבן דעם קראַנקן און שטילערהייט געוויינט.

און דער פאָטער האָט געזאָגט:

— חנה, קינד מיינס, איך גיי פון דיר אַוועק און איך וויל, אַז דו זאָלסט אויסוואַקסן און זיין אַ גרויסער מענטש. זאָלסט טאָן גוטס פאַר אַלע מענטשן. איך וויל זאָלסט ברענגען גוטס אויף דער וועלט. איך ווייס, חנה, אַז אויב דו וועסט וועלן וועסטו קענען אַ סך אויפטאָן [3]. זיי געזונט, מיין טייער קינד. זיי געזונט, ליבע קאַטערינאַ, זאָל גיורא, מיין זון, זיין געזונט.—

— ניין, ניין! גוטער טאַטע מיינער, ניין! — האָט חנה געהאַלטן אין איין רופן און וויינען.

נאָר דער טאַטע האָט שוין נישט געענטפערט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און איז געשטאָרבן.

ג

ס׳איז געווען שטיל אין הויז און זייער טרויעריק אין אַלע צימערן. חנה איז די גאַנצע צייט געזעסן אין איר ווינקעלע [4] און

[3] Achieve.   [4] Corner.

האָט געוויינט. נאָר פאַרנאַכט צו פלעגט זי אַרויסגיין, אויף אַ ווייל, אין גאָרטן אַריין.

זי האָט אַ סך געשריבן פאַר דער צייט. זי האָט געשריבן לי־דער און דערציילונגען.

איינמאָל איז די מוטער אַריינגעקומען צו איר אין צימער אַריין און געזען אַז זי שרייבט.

— וואָס שרייבסטו, חנה? — האָט די מוטער געפרעגט.

— איך שרייב וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין האַרצן. — האָט חנה געזאָגט.

— דערציייל מיר, חנה, וועגן דעם. — האָט די מוטער געבעטן. און חנה האָט דערציילט:

— ווען איך גיי שפּאַצירן [5] אויפן באַרג, מוטער, דאַכט זיך מיר אַז איך הער אַ קול, און דאָס איז דעם טאַטנס קול, וואָס זאָגט צו מיר: — חנה, דו וועסט ברענגען גוטס אויף דער וועלט, דו וועסט טאָן גרויסע זאַכן פאַר די מענטשן. — און איך ווייס ניט וואָס צוטאָן —.

— דו וועסט וויסן, ווען דו וועסט גרויס ווערן, מיין טאָכטער — האָט די מוטער געזאָגט מיט אַ טרויעריקער שטימע.

— יאָ, מוטער — האָט חנה מוטיק [6] צוגעשטימט [7] און אַ קוש געטאָן דער מוטער.

— ליבע חנה, — האָט די מוטער ווייטער גערעדט — איך בין דיין מוטער, אָבער אויך דיין געטרייע חבר׳טע. איך האָף אַז דו וועסט מיר תמיד אַלץ דערציילן וואָס עס איז ביי דיר אויפן האַרצן.—



[5] Walk. [6] Courageously. [7] Consented.

— יאָ, מוטער, וואָס עס זאָל ניט זיין וועל איך דיר אלץ דער־
ציילן.

ד

יאָרן זיינען אַוועק. חנה איז דעמאָלט געוואָרן זעכצן יאָר אַלט. זי איז געווען די בעסטע תלמידה אין דער גאַנצער שול. זי האָט געשריבן נאָך בעסערע לידער און דערציילונגען ווי פריער
— און די מענטשן, וואָס האָבן זיי געלייענט, האָבן געזאָגט:
— חנה וועט זיין אַ גרויסע שרייבערין.—

איינמאָל אינדערפרי, נאָך די ווינטער וואַקאַציעס, איז חנה צוריקגעקומען אין שול אַריין און איז אַריין, מיט אַלע תלמידים, אין איר קלאַס. ס׳איז געווען שטיל אין צימער און דער לערער איז אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט:— אַ גוט מאָרגן אייך תלמי־דים און תלמידות! ס׳הויבט זיך היינט אָן אַ ניי לערן יאָר. איך האָף אַז איר וועט גוט לערנען דאָס קומענדיקע יאָר און זיין גוטע זין און טעכטער פון אונדזער לאַנד אונגערן. עס זיינען פאַראַן אַ סך שלעכטע זאַכן אויף דער וועלט, נאָר איך וויל האָפן, אַז איר וועט ברענגען גוטס דער וועלט און פאַרבעסערן דאָס שלעכטס. און איצט, ווי אַלע יאָרן, וועלן מיר זען, אַז איינער פון די תלמידים, זאָל אויסגעקליבן ווערן צו זיין דער פאָרשטייער[8] פון קלאַס. וועמען ווילט איר אויסקלייבן?—

— חנה סענעש, חנה סענעש! — האָבן אויסגערופן כמעט אַלע תלמידים. אַלע האָבן חנה׳ן ליב געהאַט און געוואוסט אַז זי איז די בעסטע תלמידה.

נאָר איין תלמידה האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:
— ניין, חנה סענעש קען ניט רעפּרעזענטירן דעם קלאַס.
— פאַרוואָס ניט? — האָבן אויסגעשריגן די תלמידים.

[8] Representative.

— ווייל זי איז אַ יידיש מיידל. — האָט די תלמידה בייז געענט־פערט.

(די תלמידים האָבן ביז דעמאָלט ניט געוואוסט, אַז חנה סע־נעש איז אַ יידיש קינד).

ס'איז געוואָרן שטיל אין קלאַס. קיינער האָט גאָרניט ניט גע־זאָגט. חנה האָט אויך גאָרניט ניט געזאָגט. זי איז אויפגעשטאַ־נען און איז אַרויס פון קלאַס. זי איז גיך געלאָפן אַהיים, אַריין אין איר צימער, פאַרמאַכט די טיר און אָנגעהויבן צו וויינען. איר מוטער האָט דערהערט, אַז זי וויינט, האָט זי געעפנט די טיר און געפרעגט:

— פאַרוואָס וויינסטו, קינד מיינס? וואָס האָט פּאַסירט?[9] — חנה האָט ניט געענטפערט.

— חנה, טעכטערל — האָט די מוטער זי געבעטן — דו האָסט דאָך אַמאָל מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיר אַלעס דערציילן, וואָס ס'איז ביי דיר אויפן האַרצן. געדענקסט חנה'לע? —

— יאָ, מוטער, איך געדענק — האָט חנה שטיל אַרויסגעשעפּ־טשעט[10] און טרערן זיינען איר געשטאַנען אין די אויגן — איך וועל דיר דערציילן.—

און זי האָט דערציילט דער מוטער, וואָס עס איז געשען אין שול. ווען זי האָט פאַרענדיקט צו דערציילן, האָט זי ווידער אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין און אויסגערופן:

— ניין, מאַמע, מער וועל איך אין דער שול ניט גיין. איך וויל מער ניט זיין אין אונגערן. מ'האָט אונדז דאָ ניט ליב. מ'האָט ניט ליב די יידן. איך וועל אַוועק פון דאַנען.—

— אָבער ס'איז אומעטום אַזוי, חנה'לע, וואוהין וועסטו גיין? —

— כ'ווייס נאָך ניט, מאַמע.—

[9] Happened. [10] Whispered.

ה

ביז איצט האָט חנה אליין ניט געוואוסט, אז זי איז ניט קיין אונגעריש מיידל. זי האָט יאָ געוואוסט אַז זי איז אַ יידיש קינד — און ניט געוואוסט, ווייל איר פאָטער און מוטער האָבן זיך תמיד געטראָפן [11] נאָר מיט ניט יידן אין אונגערן און קיינמאָל ניט גערעדט מיט איר וועגן יידן און איר גאָרניט דערציילט וועגן דעם יידישן פאָלק. בלויז דריי מאָל אַ יאָר פלעגט חנה גיין צוזאַמען מיט אירע עלטערן אין טעמפל אַריין: די צוויי טעג פון ראש השנה און יום כיפּור.

איינמאָל האָט חנה אַ פרעג געטאָן ביי איר מוטער:

— מאַמע, זיינען יידן אַ פאָלק?—

— יאָ. — האָט די מוטער געענטפערט.

— איז וואו זשע איז דאָס יידישע לאַנד?—

— יידן האָבן ניט קיין לאַנד. זיי לעבן אין אַלע לענדער פון דער וועלט. —

— פאַרוואָס האָט יעדער פאָלק אַ לאַנד און יידן האָבן ניט קיין אייגן לאַנד?—

— מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק האָבן יידן געהאַט אַ לאַנד און ס׳האָט געהייסן ארץ ישראל.—

— לעבן אויך היינט צוטאָג יידן אין ארץ ישראל?—

— יאָ, אויך היינט לעבן דאָרט יידן, נאָר ניט קיין סך... אָבער פאַרוואָס פרעגסטו דאָס, טאָכטער, אַלע די פראַגעס?—

חנה האָט ניט געענטפערט. פון דעם טאָג אָן האָט זי אַ סך געטראַכט וועגן דעם לאַנד ישראל און דעם פאָלק ישראל.

[11] Met.

ו

פון יענער צייט אָן האָט חנה אָנגעהויבן צו לייענען ביכער וועגן יידן. אין איר פּאָטערס צימער זיינען געשטאַנען שאַפעס[12] פול מיט ביכער, אָבער צווישן די אַלע ביכער האָט זי געפונען בלויז איין בוך פון יידן. דאָס איז געווען דער תנ״ך אין דער אונגערישער שפּראַך.

חנה האָט זיך גענומען לייענען דעם תנ״ך און זי האָט באַקומען חשק[13] נאָך און נאָך צו לייענען. די געשיכטעס פון תנ״ך זיינען איר שטאַרק געפעלן געוואָרן און די ווערטער פון די נביאים זיינען געווען וואונדערלעך שיין אין אירע אויגן.

די מיינונגען פון די נביאים וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן גאָט און מענטש, וועגן יידישן פאָלק און אַנדערע פעלקער זיינען געוואָרן ווי אַ ליכט פאַר איר נשמה. זי האָט אַלץ אַרום זיך געזען אין אַ נייער באַלויכטונג.[14]

— און וואָס איז געשען מיט די יידן נאָך דער תנ״כישער צייט? — האָט חנה זיך געפרעגט.

אין איר פּאָטערס ביכער האָט חנה ניט געפונען קיין ענטפער אויף דער פראַגע. זי איז אַוועק אין דער גרויסער שטאָטישער ביבליאָטעק, אין בודאַפּעסט און געפרעגט:

— איז דאָ אַ געשיכטע פון יידישן פאָלק נאָך דער צייט פון תנ״ך?—

— אין דייטש — האָט מען איר געזאָגט — איז דאָ אַזאַ געשיכטע בוך.—

חנה האָט געהאַט געלערנט דייטש אין איר פריערדיקער שול און זי האָט גוט געקענט די שפּראַך. האָט זי גענומען, אין דער ביבליאָטעק, דאָס בוך „די געשיכטע פון די יידן״, עס אַהיים

[13] Desire. [12] Bookcases. [14] Light.

געבראַכט און געלייענט ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין. דעם צווייטן אָוונט האָט זי שוין געלייענט וועגן „דעם אויפשטאַנד פון די חשמונאים", וועגן דעם קאַמף פון „יהודה המכבי" און דעם יום-טוב פון ליכט: חנוכה.

אין יענע טעג איז חנה געווען ווי אַ מענטש, וואָס איז זייער לאַנג געזעסן אין דער פינצטער און האָט פּלוצים דערזען אַ גרויס ליכט. חנה האָט שטאַרק ליב באַקומען יהודה המכבין. זי האָט אין בוך געפונען איר באַליבטן העלד.

האָט זי זיך איינמאָל אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ שיינע דערציילונג.

אָנגערופן האָט זי די דערציילונג: יהודה המכבי.

ז

אין יענעם ווינטער האָט חנה צום ערשטן מאָל געפייערט דעם יום-טוב חנוכה. זי האָט פאַרבעטן [15] צו זיך אַהיים אייניקע יידישע ייִנגלעך און מיידלעך. אין דעם שיינעם צימער, אין זייער הויז, איז געווען אַ סך ליכט. אַ גרויסע מנורה איז געשטאַנען אויפן טיש. חנה'ס מוטער האָט אָנגעצונדן די חנוכה ליכטלעך. אַלע האָבן געזונגען חנוכה לידער און געשפּילט פאַרשיידענע שפּילן און געגעסן געשמאַקע מאַכלים.

אין מיטן דער שמחה, האָט איין ייִנגל אויסגערופן:

— מיר ווילן הערן אַ דערציילונג, וואָס חנה האָט אָנגעשריבן!—

יאָ, יאָ חנה! — האָבן די אַנדערע איינגעשטימט [16] — לייען אונדז, חנה, אַ דערציילונג. —

און חנה האָט זיי געלייענט די דערציילונג וועגן יהודה המכבי, וואָס זי האָט אָנגעשריבן.

[15] Invited. [16] Agreed.

ווען זי האָט געענדיקט לייענען די דערציילונג, האָט זי גע־זאָגט:

— חברים, יהודה המכבי האָט געקעמפט מיט די גריכן, כדי צו ראַטעווען[17] די יידן אין ארץ ישראל. לאָמיר אויך זיין ווי יהודה המכבי. אין אַלע לענדער האָט מען פיינט די יידן. לאָמיר ראַטעווען די יידן פון זייערע שונאים! —

חנה האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט אַ ציטער אין האַרצן און זיי זיינען זייער געפעלן געוואָרן אַלע צוהערער. אָבער וואָס זאָל מען טאָן? ווי אַזוי זאָל מען ראַטעווען די יידן? — דאָס האָט זי נאָך אַליין ניט געוואוסט.

נאָכן לייענען און נאָך דעם ווי זי האָט פאַרענדיקט איר רע־דע, איז צו איר צוגעגאַנגען אַ בחור און געזאָגט:

— איך הייס זאב. איך האָב געהערט די דערציילונג, וואָס דו האָסט היינט געלייענט, חנה. עס איז זייער אַ שיינע דערציילונג.

— און ווער זענט איר? ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך זע אייך. איך האָב אייך נאָך קיינמאָל ניט געזען פריער. —

— איך בין פון ארץ ישראל, פון דעם דאָרף נהלל. —

— פון ארץ ישראל, פון דעם דאָרף נהלל? — האָט חנה דערשטוינט[18] איבערגעחזרט — טאַקע פון ארץ ישראל? קום זיך מיט מיר און דערצייל מיר מער וועגן דעם לאַנד, דערצייל מיר אַלצדינג. איך וויל זייער אַלץ וויסן וועגן דעם לאַנד. —

די אַנדערע בחורים און מיידלעך זיינען שוין לאַנג אַהיים גע־גאַנגען, נאָר חנה און זאב זיינען נאָך אַלץ געזעסן און זאב האָט איר דערציילט וועגן דעם לעבן אין ארץ ישראל — וועגן די שטעט און דערפער, וועגן די מענטשן, וואָס אַרבעטן דאָרט אויף די פעלדער און אין די גערטנער און וועגן די יינגלעך און מיידלעך,

[17] Save. [18] Astonished.

וואָס לעבן דאָרט אַ גליקלעך לעבן. צום סוף האָט ער איר דער־צײלט װעגן דעם דאָרף נהלל און איר געזאָגט, אַז דאָרט איז דאָ אַ שול פֿאַר מײדלעך, װאָס לערנען זיך װי צו באַארבעטן[19] די ערד.

אַלץ, װאָס חנה האָט געהערט, איז פֿאַר איר געװען װי אַ חלום. זי האָט זײער אָפֿט זאבן געשטעלט פֿאַרשײדענע פֿראַגעס און געהאַלטן אין אײן בעטן: — דערצײל נאָך, זאבֿ! דערצײל, דער־צײל נאָך! איך װיל אַלץ װיסן.—

זאבֿ האָט איר צוליב געטאָן און װײטער דערצײלט, ביז דער זײגער האָט געקלונגען: אײנס, צװײ און דרײ.

— דרײ אַ זײגער! — האָט זאבֿ זיך אַ כאַפּ געטאָן, געזאָגט „שלום" און איז גיך אַװעקגעגאַנגען.

ח

פֿון יענער נאַכט אָן האָט חנה כסדר געטראַכט װעגן דעם, װי אַזױ זי זאָל קומען קײן ארץ ישראל. זי האָט בײ זיך אין נאָ־טיץ ביכעלע פֿאַרשריבן:

— איך װיל נאָר אײן זאַך: עולה זײן קײן ארץ ישראל און װערן אַ חלוצה. אַרבעטן אין פֿעלד. אַרבעטן פֿאַר מײן לאַנד. איך קען מער ניט לעבן דאָ אין אונגערן. איך װיל עפּעס טאָן פֿאַר מײן ייִדיש פֿאָלק. איך קען עס טאָן נאָר אין ארץ ישראל.—

זי האָט זיך גענומען לערנען העברעאיש, געלײענט ביכער װעגן ארץ ישראל און געשריבן אַ בריװ צו דער שול אין נהלל. אין דעם בריװ האָט זי זיך אָנגעפֿרעגט, צי זי קען װערן אַ תּלמידה אין דער שול פֿאַר אַגריקולטור. מען האָט איר געענט־פֿערט, אַז זי זאָל קומען לערנען.

[19] Cultivate the ground.

חנה׳ס האַרץ איז פול געוואָרן מיט פרייד. — איך פאָר איצט קיין ארץ ישראל. — האָט זי גליקלעך אויסגערופן.

נאָר איין זאַך האָט זי געערגערט, ווען זי האָט זיך אַ פרעג געטאָן: — וואָס וועט זיין מיט מיין מאַמען? איך האָב דאָך אַזוי ליב מיין מוטער.—

חנה האָט געוואוסט, אַז איר מוטער וועט ניט וועלן אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל.

— ווי וועל איך קענען לעבן דאָרט אָן דער מאַמען? — האָט זי ביי זיך געטראַכט — און ווי וועט די מאַמע קענען לעבן אָן מיר?—

— ס׳וועט מוזן אַזוי זיין — האָט זי באַשלאָסן, נאָך אַ לאַנג טראַכטן — איך וועל צוערשט פאָרן און די מאַמע וועט דערנאָך נאָכקומען. איך וועל איר שרייבן און זי וועט מיך געוויס פאָלגן און קומען צו מיר.—

אין אָוונט איז חנה אַריינגעגאַנגען צו איר מוטער אין צימער אַריין.

— מאַמע, — האָט זי געזאָגט — איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן.—

— רעד, מיין קינד, רעד. וואָס ווילסטו זאָגן?—

— געדענקסט, אַז איך האָב דיר איינמאָל צוגעזאָגט, אַז איך וועל דיר אַלעס דערציילן, וואָס איך טראַכט און וואָס איך וויל טאָן?—

— יאָ חנה, אַזוי האָסטו מיר אַמאָל צוגעזאָגט.—

— וויל איך דיר דערציילן, אַז איך וויל אַוועקפאָרן קיין ארץ ישראל, מאַמע. איך קען דאָ מער ניט לעבן.—

— חנה, טאָכטער מיינע, — האָט די מוטער אויסגערופן — וואָס רעדסטו? וואָס הייסט דו וועסט פון דאַנען אַוועקפאָרן?—

— דאָס לאַנד איז ניט מיין לאַנד. איך וויל לעבן אין מיין אייגן לאַנד. אין לאנד, וואָס מיינע ברידער, די יידן, לעבן דאָרט און אַר־בעטן דאָרט. איך וויל אַרבעטן אין פעלד, אין אַ יידיש דאָרף.

— מיין טייערע חנה, דו ווילסט גיין אַרבעטן אין פעלד? דו, וואָס שרייבסט אַזעלכע שיינע לידער און דערציילונגען, ווי דיין פאָטער האָט געשריבן, דו דאַרפסט זיין אַ שרייבערין, ווי דיין פאָ־טער איז געווען. אַלע זאָגן דאָס.—

— ניין מאַמע, איך וויל טאָן עפּעס פאַר מיין פאָלק. מיין אָרט איז אין ארץ ישראל. דו געדענקסט, מאמע, אַז דער טאַטע האָט פאַר זיין טויט געזאָגט, אַז איך וועל אויפטאָן גרויסע זאַכן, אויב איך וועל נאָר וועלן. איך וויל איצט, מאמע, לעבן אין ארץ ישראל.

די מוטער האָט אַ מינוט געשוויגן, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— חנה, דו ביסט שוין אַ גרויס מיידל. איך וויל ניט אַז דו זאָלסט אַוועקפאָרן פון דאַנען. נאָר אויב דו ווילסט, מיט דיין גאַנצן האַרצן, פאָרן, קען איך דיר ניט זאָגן: פאַר ניט.—

חנה האָט אַרומגעכאַפּט [20] די מוטער און זי געקושט און גע־זאָגט:

— מאַמע, דו ווייסט ווי איך האָב דיך ליב. דו וועסט אויך קו־מען קיין ארץ ישראל. וועסט שפּעטער קומען, מאַמע. ניט אמת?—

— איך ווייס ניט, קינד מיינס. איך ווייס ניט.

— א גוטע נאכט, מאַמע!

ט

עס איז געווען אַ שיינער טאָג. די זון האָט פאַרשפּרייט ליכט. אויפן ים לעבן דער שטאָט טריעסט איז געשטאַנען אַ שיף. אויף

[20] Embraced.

דער שיף זיינען, איינס לעבן צווייטן, געשטאַנען די מוטער און די טאָכטער. זיי האָבן ניט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט, געקוקט זיך אין די אויגן אַריין און די אויגן האָבן שוין איבערגעגעבן דעם גאַנצן צער פון האַרצן.

ס׳האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון דער שיף סירענע: טו-הו, טו-הו... אַ סך מענטשן זיינען אַרויף אויף דער שיף. נאָר די מוטער און די טאָכטער האָבן נאָך אַלץ ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

חנה האָט געוואָלט וויינען, זי האָט אָבער ניט געקענט. זי איז געווען זייער טרויעריק. זי האָט געטראַכט: ווער ווייסט ווען איך וועל ווידער זען מיין מוטער?

אויך אין דער מוטערס אויגן זיינען ניט געווען קיין טרערן. נאָר איר האַרץ האָט געוויינט: חנה פאָרט אַוועק. אויך גיורא, מיין זון איז ניטאָ. ער לעבט אין פראַנקרייך. איך וועל זיין אַליין אין בודאַפעסט. אָן אַ זון, אָן אַ טאָכטער... און וואָס וועט זיין מיט חנה׳ן אין ארץ ישראל? די אַראַבער באַפאַלן[21] דאָרט יידן און הרגענען זיי...

— ווען וועל איך דיך ווידער זען חנה׳לע? — האָט זי טרויעריק געזאָגט. ס׳האָט זיך דערהערט דער צווייטער פייף פון דער שיף: טו-טו-טו... באַלד וועט די שיף אַוועק אין וועג אריין. ס׳איז שווער געווען פאַר דער מוטער און דער טאָכטער זיך צו געזעגענען.

ס׳האָט זיך דערהערט דער דריטער פייף.

— שלום, ליבע מוטער...—

— שלום, טאָכטער מיינע...—

— דו וועסט צו מיר קומען, מוטער. אַ יאָ, דו וועסט קומען? איך וועל דיר שרייבן, מאַמע, און דו וועסט קומען. גאָר אינגיכן.—

21 Attack.

— ס׳קען זיין... זיי געזונט, מיידעלע מיינס...—

די מוטער איז אַראָפּ פון שיף. דער ים איז געווען שיין. די שיף איז אַרויס אינעם אָפענעם ים אַריין. די מוטער איז נאָך לאַנג געשטאַנען און געקוקט אויף דער שיף, וואָס דערווייטערט זיך, אויף חנה׳ן, וואָס שטייט דאָרט און פאָכעט[22] מיט דער האַנט: שלום! שלום!

י

פיר טעג איז די שיף געווען אויפן ים. דעם גאַנצן וועג איז די פרייד געווען זייער גרויס. אויף דער שיף זיינען געווען אַ סך מענטשן, וואָס זיינען געפאָרן קיין ארץ ישראל. דאָס זיינען געווען חלוצים. חנה איז געווען איינע פון זיי. זיי האָבן געזונגען לידער, און דערציילט מעשיות און גערעדט וועגן דעם לעבן אין ארץ ישראל. אויך חנה האָט מיט זיי מיטגעזונגען און זיך צוגעהערט צו זייערע דערציילונגען.

אויף דעם פערטן טאָג אין אָוונט זיינען אַלע געשטאַנען אויף דער דעק פון דער שיף. זיי האָבן געוואָלט זען פון ווייטן דאָס לאַנד ישראל. ס׳איז געווען אַ ליכטיקע נאַכט. די חלוצים האָבן די גאַנצע נאַכט געזונגען. ווען ס׳איז אַרויס דער מאָרגנשטערן — האָט מען געזען פון ווייטנס אַ הויכן באַרג און אויף אים קליינע שטיבעלעך.

— ארץ ישראל! ארץ ישראל! — האָבן אַלע אויסגערופן מיט פרייד.

ס׳איז אויפגעגאַנגען די זון. די שיף האָט זיך דערנענטערט צום ברעג און איז געבליבן שטיין אויפן ים לעבן חיפה. שיין איז געווען דער באַרג כרמל מיט די הויכעביימער און די ווייסע הייזער. ווען די שיף איז שטיין געבליבן האָבן אַלע געזונגען

[22] Waves.

„התקוה״. אַ סך מענטשן זיינען געווען ביים ברעג און אויך זיי האָבן מיטגעזונגען די „התקוה״. חנה איז אַראָפּגעגאַנגען פון שיף.

— איך בין אין ארץ ישראל! — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד.

יא

נהלל איז אַ גרויס דאָרף. אַ סך הייזער האָט דאָס דאָרף און לעבן יעדן הויז — אַ פעלד און אַ גאָרטן. לעבן דאָרף געפינט זיך אויך די שול פאַר די מיידלעך, וואו מען לערנט זיך אַגריקולטור, ערד אַרבעט. די תלמידות פון דער שול זיינען יידישע מייד־לעך, וואָס זיינען געקומען פון פאַרשיידענע לענדער.

חנה איז געוואָרן איינע פון די תלמידות אין דער נהלל שול. זי האָט געאַרבעט פון: אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט אַריין, און אין אָוונט האָט זי נאָך געלערנט העברעיש, תנ״ך און אנדערע לימודים.

צוויי יאָר האָט חנה געלערנט אין דער שול פון נהלל און איז געוואָרן אַן אמתע טאָכטער פון ארץ ישראל. זי האָט איצט געקענט העברעיש, געקענט דאָס לעבן פון די מענטשן און דאָס לאַנד.

נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט דאָס לערנען אין דער שול, איז זי אַוועק זען דאָס לאַנד. זי האָט געזען אַ סך דערפער און שטעט. צום סוף איז זי געקומען צו אַן אָרט מיטן נאָמען „שדות־ים״. דאָס דאָרף איז לעבן ים. מיט יאָרן צוריק, ווען די יידן האָבן נאָך גע־לעבט אין זייער אייגן לאַנד, איז דאָ געווען אַ גרויסע שטאָט מיטן נאָמען: קיסריה.

די מענטשן פון „שדות־ים״ האָבן געאַרבעט אי אויף די פעל־דער, אי אויפן ים. פון די פעלדער האָבן זיי ארויסבאַקומען ברויט און פון דעם ים — פיש.

ווען חנה האָט געזען דאָס דאָרף האָט זי געזאָגט:

— דאָ וויל איך לעבן. איך האָב ליב דעם ים. דאָ איז דאָ אַ סך אַרבעט און איך וויל דאָ אַרבעטן.—

און חנה האָט זיך באַזעצט אין „שדות־ים״.

זי האָט אין שדות-ים שווער געאַרבעט. זי האָט געאַרבעט אין פעלד און איז אויך אַוועק מיט די פֿישער אויפן ים. אין די אָוונטן האָט זי געלערנט די חלוצים צו זינגען נייע העברעישע לידער און פאַר זיי געלייענט אירע דערציילונגען, וואָס זי האָט דעמאָלט געשריבן. אַלע האָבן זי ליב געהאַט און אַלע האָבן וועגן איר גע־זאָגט: — אַ וואונדערלעך מיידל איז חנה, ניטאָ נאָך אַזוינע —

די איינוווינער[23] פון שדות ים האָבן זי געוואָלט אויסקלייבן פאַר דער אָנפירערין[24] פון דאָרף, נאָר חנה האָט ניט געוואָלט הערן וועגן דעם.

— איך וויל אַרבעטן אויפן פעלד — האָט זי געזאָגט — דאָס איז מיין אַרבעט.—

יב

ס׳זיינען געקומען שלעכטע צייטן. ס׳איז געווען די צווייטע וועלט מלחמה. היטלער האָט פארנומען כמעט אַלע לענדער פון אייראָפּע. אין יעדער לאַנד האָט ער געהרגעט די יידן. זיינע סאָל־דאַטן זיינען אויך אַריין קיין אונגערן.

חנה איז זייער טרויעריק געוואָרן. זי האָט נאָר געטראַכט וועגן איר מוטער, איר ברודער און אַלע יידן בכלל.

— ווי קען איך דאָ רואיק איינזיצן — האָט זי געזאָגט — ווען מיין מוטער איז דאָרט, אין אונגערן אין אַ גרויסער סכנה, ווען יידן ווערן אומגעבראַכט אין אַלע לענדער פון אייראָפּע?

זי האָט, טאָג ווי נאַכט געטראַכט ווי צו ראַטעווען איר מו־טער, איר ברודער און די יידן פון יענע לענדער.

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? — האָט חנה זיך געפרעגט אין יענע טעג.

[23] Inhabitants. [24] Leader.

זי האָט אָפט געשיקט בריוו צו איר מוטער, נאָר קיין ענטפער איז נישט געקומען.

יעדן טאָג, נאָך דער אַרבעט, איז זי געגאַנגען צום ים, דאָרט געזעסן און געטראַכט: — ווי אַזוי וועל איך אַריבער דעם ים, און קומען קיין אונגערן?

אין די נעכט האָבן זיך איר געחלומט שרעקלעכע חלומות. איינמאָל האָט זי געזען אין חלום: די נאַציס קומען אַריין צו זיי אין שטוב אַריין אין בודאַפּעסט. זיי שלאָגן איר מוטער און די מוטער שרייט:

— מיין חנה, טאָכטער מיינע, וואו ביסטו?

און חנה האָט אַרויסגערופן פון שלאָף אַרויס — מאַמע, מאַמע איך קום! — און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ס׳איז געווען פינצטער אין צימער. זי האָט געהערט דאָס גע-רויש[25] פון ים אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, און ווי אַ קול פון גאָט, וואָס רופט פון ים אַרויס: — חנה, שטיי אויף, גיי קיין אונגערן, ראַטעווען דיין מוטער, ראַטעווען די יידן!

און חנה׳ס האַרץ האָט געענטפערט: — איך גיי! איך גיי! —

יג

אין אַ דאָרף, לעבן ים כנרת, האָט געלעבט אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען יואל. ער איז געקומען אַהין פון אונגערן. ווען די שלעכ-טע צייטן זיינען געקומען, האָט יואל געוואָלט עפּעס טאָן, כדי צו ראַטעווען די יידן פון אונגערן און ער האָט אויך אַזוי גע-טראַכט ווי חנה: — וואָס קען איך טאָן? —

איינמאָל איז יואל געקומען קיין שדות-ים. ער איז אַריינגע-גאַנגען צו חנה׳ן אין צימער אַריין און האָט איר געזאָגט: — איך וויל פאָרן קיין אונגערן צו ראַטעווען די יידן. —

[25] Noise, roaring.

— ס׳איז גוט, וואָס דו ביסט געקומען, יואל — האָט חנה אויס־גערופן מיט פרייד — ווייל איך טראַכט אויך די גאַנצע צייט וועגן דעם. אָבער, ווי קענען מיר עס טאָן?—

די ענגלישע אַרמיי זוכט מענטשן, וואָס קענען אונגעריש — האָט יואל איר דערציילט — זיי ווילן זיי שיקן קיין אונגערן אויס־צוגעפינען דאָרט די מלחמה סודות פון די דייטשן. מיר קענען זיי זאָגן, אַז מיר ווילן אַהין פליען.—

אַ גאַנצע נאַכט האָבן חנה און יואל גערעדט וועגן דער זאַך. אינדערפרי זיינען זיי ביידע אַוועק, מיט אַן אויטאָ, פון שדות־ים, קיין ירושלים.

יד

זיי זיינען געקומען קיין ירושלים און אַוועק צו דער הויפט קוואַרטיר פון דער אַרמיי. דער וועכטער פון הויז האָט זיי גע־פרעגט:

— וואָס ווילט איר?—

— מיר ווילן רעדן מיט דעם הויפט פון דער אַרמיי — האָט יואל געזאָגט.

— וועגן וואָס ווילט איר רעדן?—

— ס׳איז אַ סוד [26].—

דער וועכטער איז אַוועק און איז באַלד צוריקגעקומען און געהייסן אַז זיי זאָלן אים נאָכגיין.

זיי זיינען אַריין צום עלטסטן פון דער ענגלישער אַרמיי אין ארץ ישראל.

— ווער זענט איר און וואָס ווילט איר? — האָט דער עלטסטער זיי געפרעגט.

יואל האָט געענטפערט:

[26] Secret.

— מיר זיינען געקומען פון אונגערן קיין ארץ ישראל. מיר האָבן דאָרט ברידער און שוועסטער. מיר ווילן זיי ראַטעווען פון די נאַציס. מיר קענען העלפן אי אונגערן אי ענגלאַנד, אין דער מלחמה קעגן די דייטשן. מיר ווילן, אַז איר זאָלט אונדז העלפן קומען קיין אונגערן.—

דער ענגלישער אָפיציר האָט געפרעגט:

— קענט איר רעדן, אונגעריש, לייענען און שרייבן אין דער שפּראַך?

— יאָ, — האָבןביידע געענטפערט.

— קענט איר גוט די שטאָט בודאַפּעשט?

— יאָ — האָבן יואל און חנה געענטפערט — מיר האָבן דאָרט אַ סך יאָרן געלעבט.

— קענט איר זיך אַראָפּלאָזן מיט אַ פּאַראַשוט פון אַן עראָפּלאַן?

— ניין — האָט יואל געזאָגט.

— אָבער מיר קענען זיך דאָס אויסלערנען אין אייניקע טעג...

— האָט חנה פאַרזיכערט.

דער אָפיציר האָט זיך געווענדעט[27] צו חנה׳ן און אַ מאַך געטאָן:

— דו ביסט אַ יונג מיידל, ווי קענסטו פאָרן קיין אונגערן?... די נאַציס וועלן דיך הרגענען. זיי הרגענען יעדן, וואָס קומט פון דער ענגלישער אַרמיי און פאַלט אַריין אין זייערע הענט.

— יאָ, איך ווייס דאָס — האָט חנה געענטפערט — אָבער איך וויל דאָך פאָרן. וואָס טויג מיר מיין לעבן, אויב מ׳הרגעט דאָרט מיינע אייגענע?

—ניין, דו קענסט ניט פאָרן — האָט דער עלטסטער געזאָגט

[27] Turned.

— אויב דו וועסט אַריינפאַלן אין די הענט פון די נאַציס, וועלן זיי דיך פּייניקן און דו וועסט זיי אַלעס דערציילן.—

— ניין, ניין! — האָט חנה אויסגעשריען — אַפילו אויב זיי וועלן מיך הרגענען, וועל איך קיין זאַך ניט דערציילן.

— דו ביסט אַ יונג מיידל... ווער ווייסט אויב דו וועסט לע-בעדיק צוריק קומען.—

— ניין, מיין האַר, איך בין ניט קיין קינד — האָט חנה געזאָגט איך קען טאָן גרויסע זאַכן. איך שרעק זיך ניט פאַר קיין שווע-ריקייטן. ניטאָ קיין פּחד אין מיין האַרץ. לאָז מיך, מיין האַר, טאָן די זאַך — און איך וועל עס טאָן.—

חנה האָט גערעדט אירע ווערטער מיט מוט און זיכערקייט[28].

דער עלטסטער האָט געהערט אירע ווערטער און זיך גע-וואונדערט, ער האָט נאָך אַזאַ מיידל ניט געזען: יאָ, — האָט ער ביי זיך אין האַרצן געטראַכט — אַזאַ מיידל קען טאָן גרויסע זאַכן. דער עלטסטער האָט נאָך אַ ווייל געטראַכט און דערנאָך גע-זאָגט:

— גוט. אין אייניקע טעג אַרום וועט איר אָפּפליען מיט אַן עראָפּלאַן קיין אונגערן. אָבער פריער דאַרפט איר זיך אויס-לערנען אַראָפּלאָזן זיך מיט אַ פּאַראַשוט און אויך קענען שיסן מיט אַ ביקס.

חנה און יואל זיינען דערנאָך אַרויס פון דעם הויז.

— איצט איז מיין האַרץ פול מיט פרייד — האָט חנה געזאָגט.

טו

אין אייניקע טעג אַרום איז דער עראָפּלאַן אַוועק אויפן וועג קיין יוגאָסלאַוויע, נאָענט צו דער אונגערישער גרענעץ. אין עראָ-

[28] Self assurance.

פלאַן איז געזעסן חנה און נאָך צוויי יונגע בחורים, וואָס זענען געפלויגן צו ראַטעווען די יידן אין יוגאָסלאַוויע. איינער פון זיי האָט געהייסן ראובן און דער צווייטער — פרץ. יעדערער פון זיי האָט געהאַט אַ פאַראַשוט און אַ ביקס. חנה האָט נאָך געהאַט אַ ראַדיאָ אויך. דורך דער ראַדיאָ וועט זי דאַרפן רעדן צו דעם אָפּי-ציר אין דער ענגלישער אַרמיי אין ארץ ישראל.

ס׳איז געווען פאַרנאַכט. דער עראָפּלאַן איז געפלויגן זייער הויך. זיי האָבן געזען דעם ים און דעם הימל. זיי זיינען געזעסן און האָבן ניט גערעדט. יעדערער פון זיי איז געווען פאַרטראַכט. געטראַכט וועגן ארץ ישראל, וועגן זייערע דערפער דאָרט. ווער ווייסט צי זיי וועלן זיי נאָך אַמאָל זען... וואָס וועט זיין אויב די נאַ-ציס וועלן זיי כאַפּן... און חנה האָט זיך געזאָרגט, ווי וועט זי גע-פינען איר מוטער אין בודאַפּעסט...

פלוצים האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ראובן, פרץ פאַרוואָס זיינען מיר אַזוי אומעטיק?[29] היינט איז אַ טאָג פון שמחה! מיר פליען איצט ראַטעווען אונדזערע ברי-דער. קומט, לאָמיר זינגען.—

און זיי האָבן אָנגעהויבן צו זינגען. זיי האָבן געזונגען ארץ ישראל לידער, לידער פון אַרבעט אין פעלד און אין דאָרף. עס איז געוואָרן פריילעך.

דער עראָפּלאַן איז ווייטער געפלויגן. ס׳איז געוואָרן נאַכט, אָן ליכט, אָן אַ שיין, פינצטער אויף דער גאַנצער וועלט. ס׳איז אַוועק אַ שעה און נאָך אַ שעה און ווידער אַ שעה. ווען וועלן זיי שוין זיין אין יוגאָסלאַוויע?

פלוצים האָבן זיי דערהערט אַ קול:

— מיר זיינען אין יוגאָסלאַוויע!—

[29] Sad.

חנה, ראובן און פרץ זיינען אויפגעשטאַנען. דורכן פענצ־טערל פון עראָפּלאַן האָבן זיי גאָרניט ניט געזען, נאָר די נאַכט. חנה׳ן האָט געקלאַפּט דאָס הארץ: טיק־טאַק־טיק....

נאָכאַמאָל האָט זי דערהערט דאָס קול:

— דאָ שפּרינגט איר אַראָפּ.—

חנה האָט אויסגעשריען:

— איך וועל זיין די ערשטע!—

מ׳האָט אויפגעעפנט די טיר פון דעם עראָפּלאַן און חנה האָט אויסגערופן אויף אַ קול: — עם ישראל חי!—

זי איז ארויסגעשפּרונגען דורך דער טיר. דער פּאַראַשוט האָט זיך צעעפנט און זי איז אַראָפּ — אַראָפּ, זי האָט גאָרניט ניט געזען. פּלוצים איז זי אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד.

די ערשטע זאַך וואָס זי האָט געטראַכט איז געווען: וואו איז די ביקס? וואו איז די ראַדיאָ? — די ביקס און די ראַדיאָ זיינען געווען מיט איר.

— אָ, איך לעב! — האָט חנה אַ טראַכט געטאָן מיט פרייד — איך בין אין יוגאָסלאַוויע איצט, אויף דער גרענעץ פון אונגערן. מאַמע! מאַמע! אפשר וועל איך דיך גאָר אינגיכן זען...

טז

ס׳איז געווען פינצטער, נאָר חנה האָט געזען, אין דער פינצ־טערניש, אַז זי געפינט זיך צווישן אַ סך ביימער. זי האָט גאָרניט ניט געקענט זען אַ חוץ ביימער.

— וואו איז ראובן? וואו איז פרץ?—

זי איז געגאַנגען צווישן די ביימער און שטילערהייט גערופן: ראובן! פרץ! ראובן! פרץ! — און ניט באַקומען קיין ענטפער.





וואָס זאָל זי טאָן? — האָט זי געטראַכט. זי קען ניט דאָס לאַנד. זי קען ניט דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנען. וואָס וועט זיין אויב די דייטשן וועלן זי געפינען?

פלוצים האָט זי דערהערט אַ קול:

— ח־נה...—

דאָס איז געווען ראובנס קול.

מיט גרויס פרייד האָט זי צוריקגערופן: ראובן!...—

— חנה!—

—ראובן!—

און אָט זעט זי אין דער פינצטערניש: אַ מענטש קומט...

— ראובן, דו לעבסט?—

— יאָ, און דו?—

— איך לעב! ס׳איז גוט וואָס דו ביסט דאָ. כ׳האָב שוין מורא גע־האַט, אַז איך וועל דיך ניט געפינען.—

— און וואו איז פרץ?

— איך ווייס ניט... לאָמיר גיין זען.

פלוצים האָבן זיי געהערט טריט פון אַ מענטשן, וואָס גייט צווישן די ביימער.

— ראובן... אפשר זיינען דאָס דייטשן?—

זיי האָבן זיך שטילערהייט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

באַלד האָבן זיי דערזען, אַז פּרץ קומט.

די פרייד איז געווען גרויס.

עס איז אַוועק אַ שעה, און נאָך אַ שעה, נאָר די נאַכט איז נאָך ניט אַריבער. חנה, ראובן און פּרץ זיינען געזעסן און שטיל גערעדט.

און אָט האָט אַ שיין געטאָן דער מאָרגנשטערן. צוביסלעך האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן צווישן די ביימער. די נאַכט איז פאַרשוואונדן[30] ס׳איז טאָג געוואָרן. זיי זיינען אַרויס פון צווישן די ביימער און געזען, אַז אַרום זיי זיינען בערג. קיין מענטש האָט זיך ניט באַוויזן אויף די בערג.

פלוצים האָבן זיי דערהערט אַ קול:

— ווער זענט איר?—

[30] Disappeared.

זיי האָבן געזען, אַז צוויי מענטשן קומען. ווער זיינען זיי? דייטשן? פּאַרטיזאַנען?

זיי האָבן גענומען די ביקסן אין די הענט אַריין.

— ווער זענט איר? — האָט ראובן געפרעגט די מענטשן.

מיר זיינען יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען.—

— שלום אייך! מיר זיינען פון ארץ ישראל.—

— שלום אויך אייך! איר זענט אונדזערע ברידער. מיר האָבן געוואוסט, אַז איר דאַרפט קומען. קומט מיט אונדז.—

חנה, ראובן און פּרץ זיינען געגאַנגען מיט די פּאַרטיזאַנען און געקומען צו אַ קליין הייזל אין די בערג.

יז

אין יענעם אינדערפרי זיינען אַ סך פּאַרטיזאַנען געקומען צו דעם קליינעם הייזל. ראובן האָט זיי דערציילט וועגן דעם פליען אין דעם עראָפּלאַן פון ישראל קיין יוגאָסלאַוויע, און די פּאַרטי-זאַנען האָבן דערציילט וועגן זייערע מלחמות מיט די דייטשן. נאַכט ביי נאַכט זיינען די פּאַרטיזאַנען אַוועק אין די בערג מלחמה צו האַלטן מיט די דייטשן. זיי האָבן געהרגעט אַ סך דייטשן.

דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט זיינען חנה, ראובן און פּרץ געווען מיט די פּאַרטיזאַנען. אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָבן זיי פּלוצים דערהערט שיסערייען[31].

זיי זיינען גיך אויפגעשטאַנען, אינאיינעם מיט די אַנדערע פּאַרטיזאַנען, און אַרויסגעלאָפן.

פון די בערג זיינען אָנגעקומען זייער אַ סך דייטשן און האָבן געשאָסן מיט ביקסן.

חנה האָט זיך אַ וואַרף געטאָן אויף דער ערד, גלייך ווי די אַנ-דערע און געשאָסן פון איר ביקס.

[31] Shots.

נאָר די דייטשן זיינען געווען זייער אַ סך און די פּאַרטיזאַנען זייער ווייניק. ווען די דייטשן זיינען שוין געווען לעבן הויז האָט דער אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנען אַ געשריי געטאָן אויף אַ קול:

— צו דיביימער!—

און אַלע פּאַרטיזאַנען זיינען אַרויס פון הויז און אַוועקגעלאָפן צו די ביימער. אויך חנה איז מיט זיי מיטגעלאָפן. די דייטשן האָבן געהאַלטן אין איין שיסן: טאַך, טאַך, טאַך...

חנה איז זייער גיך געלאָפן, ביז זי איז אַריין צווישן ביי-מער. ווען זי איז שוין דאָרט געווען, האָט זי פּלוצים דערזען, אַז איר ראַדיאָ איז אַראָפּגעפאַלן אויפן וועג.

— קענסט איצט מער גאָרניט ניט טאָן — האָט ראובן געזאָגט.

— ניין, — האָט חנה געזאָגט — איך וועל גיך לויפן זוכן די ראַדיאָ.—

— ניין, חנה, — האָט ראובן געהייסן — די דייטשן שיסן, זיי וועלן דיך הרגענען!—

נאָר חנה האָט אים ניט געפאָלגט[32]. זי איז אַרויס פון צווישן די ביימער און איז ווייטער געלאָפן. זי האָט געפונען די ראַדיאָ אויף דער ערד, האָט זי זי אויפגעהויבן און זיך אומגעקערט צו איר אָרט צווישן די ביימער.

— דו זעסט,— האָט חנה פריילעך געזאָגט צו ראובנען — די דייטשן קענען מיר גאָרניט טאָן...—

— דו האָסט ניט קיין מורא פאַרן טויט, חנה! — האָט ראובן געזאָגט.

— דאָס יידישע מיידל האָט אַ האַרץ פון אַ לייב — האָבן די פּאַרטיזאַנען געזאָגט איינער צום צווייטן — ניטאָ נאָך אַזוינע! —

[32] Obeyed.

יח

אַ סך וואָכן זיינען אַוועק. חנה איז די גאַנצע צייט געווען מיט די פּאַרטיזאַנען. אויך יואל איז געקומען פון ארץ ישראל און איז אויך געווען מיט זיי. די פּאַרטיזאַנען זיינען געגאַנגען פון איין באַרג צום צווייטן און פון איין דאָרף צום צווייטן און האָבן געפירט אַ סך קאַמפן[33] מיט די דייטשן. חנה האָט אָנטייל גענומען אין אלע די קאַמפן. די פּאַרטיזאַנען האָבן חנהן זייער ליב געהאַט. דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן האָבן זיי געזען אַזאַ וואונדערלעך מיידל, ווי חנה איז געווען.

איינמאָל איז חנה געשטאַנען מיט די פּאַרטיזאַנען צווישן די ביימער. פּלוצים האָבן זיי געזען, אַז אַ גרופּע דייטשישע סאָלדאַטן קומט צו זיי. די פּאַרטיזאַנען האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אויך חנה און ראובן האָבן זיך גיך אַוועקגעלייגט. חנה האָט געזען ווי דריי דייטשן קומען. די דייטשן האָבן זיי ניט געזען. ראובן האָט גענומען די ביקס און געוואָלט שיסן, נאָר חנה האָט אים שטיל געזאָגט:

— ש... ש... ראובן, נאָך ניט, וואָרט אַ ווייל.—

האָט ראובן געזאָגט:

— אָבער זיי קומען דאָך... זיי וועלן אונדז דערהרגענען...

— נאָך אַ ווייל, ראובן, נאָך אַ ווייל.—

די דייטשן זיינען צוגעקומען נאָענט. זיי זיינען איצט געשטאַנען לעבן דעם בוים, וואו חנה איז דאָרט געווען באַהאַלטן. עס האָבן זיך דערהערט דריי שאָסן: טאַך, טאַך, טאַך! דאָס האָט חנה דריי מאָל אויסגעשאָסן.

דריי דייטשן זיינען געבליבן ליגן טויט אויף דער ערד. חנה האָט געהרגעט אַ סך נאַציס אָבער זי איז די גאַנצע צייט

[33] Fights, battles.

געוועזן זייער טרויעריק. זי האָט געוואָלט נאָר איין זאַך: קומען קיין אונגערן. זי האָט געוואָלט ראַטעווען איר מוטער און די יידן אין דעם לאַנד, אָבער די פּאַרטיזאַנען האָבן געזאָגט: — עס זיינען דאָ צופיל דייטשן אויפן וועג קיין אונגערן. די סכנה איז זייער גרויס, חנה.—

איינמאָל האָט חנה געהערט ווי איין פּאַרטיזאַן דערציילט דעם צווייטן:

— די דייטשן זיינען געקומען קיין בודאַפּעסט און זיי הרגע־נען דאָרט די יידן.—

— יאָ, איך האָב עס אויך געהערט — האָט דער צווייטער גע־זאָגט — אָבער דערצייל עס ניט חנה׳ן, זי האָט דאָרט איר מוטער.

אין יענעם אָוונט איז חנה געקומען צו ראובנען און יואלן און זיי געזאָגט: — איך גיי איצט קיין אונגערן.

— ניין, דו קענסט דאָס ניט טאָן — האָט יואל געענטפערט — דער וועג איז פול מיט דייטשן. זיי וועלן דיך דערהרגענען.

און ראובן האָט געזאָגט:

— נאָך אַ וואָך, חנה, אָדער נאָך צוויי וואָכן און דו וועסט קע־נען קומען קיין בודאַפּעסט אָבער ניט איצט.

נאָר חנה האָט געטענהט:[34]

— איר ווייסט דען ניט, די דייטשן זיינען אין בודאַפּעסט. זיי הרגענען די יידן. איך קען דאָ ניט בלייבן. איך גיי אַהין!—

ראובן און יואל האָבן זי זייער געבעטן: — חנה, ניט איצט. גיי ניט איצט.—

חנה האָט געוויינט.

ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ראובן און יואל האָבן געזען חנה׳ן וויינען.

[34] Argued.

יט

און ס׳איז געקומען דער טאָג, אַ טאָג פון פרייד פאַר חנהן. יענעם טאָג זיינען זיי אַוועק אין וועג אַריין, קיין אונגערן. זי האָט זיך געזעגנט מיט אַלע פאַרטיזאַנען. אַ סך פון זיי האָבן געוויינט, ווען זיי האָבן געהערט אַז זי פאַרלאָזט זיי. דער עלטסטער פון די פאַרטיזאַנען האָט איר געגעבן אַ בריוו צו די פאַרטיזאַנען אין אונגערן, וואָס דאַרפן זי ברענגען קיין בודאַפעסט:

אינדערפרי זיינען ראובן און חנה אַוועק קיין אונגערן: יואל איז אַהין אַוועק נאָך פריער. זיי זיינען געגאַנגען איבער די בערג. קיינער איז ניט געווען אויפן וועג. עס זיינען ניט געווען קיין ביימער אין דער גאַנצער סביבה [35] און ניט קיין דערפער. זיי זיינען געגאַנגען און גערעדט וועגן דעם, וואָס חנה וועט טאָן, ווען זי וועט קומען קיין בודאַפעסט, ווי וועט זי געפינען יואלן — און זיי האָבן אויך גערעדט וועגן ארץ ישראל.

דערנאָך זיינען זיי ארויף אויף אַ שפּיץ באַרג און דערזען פאַר זיך דאָס לאַנד אונגערן. — מיין האַרץ איז פול מיט פרייד — האָט חנה געזאָגט — באַלד וועל איך זען מיין מוטער. איצט גיי איך טאָן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט טאָן.—

ראובן האָט געזאָגט:

— ביסט אַ העלדיש מיידל, חנה. איך ווייס, אַז דו וועסט ראַטעווען אַ סך יידן. זיי געזונט, חנה. שלום! איך קער מיך אום צו די פאַרטיזאַנען. כ׳וועל דיך זען אין ארץ ישראל. —

חנה האָט אָנגעשריבן אַ בריוו. האָט אים געגעבן ראובנען און געזאָגט:

— גיב דעם בריוו צו די חברים אין שדות ים, ווען דו וועסט צוריקקומען קיין ארץ ישראל. זאָג זיי, אַז איך טראַכט די גאַנצע צייט וועגן זיי. שלום, ראובן. מירן זיך זען אין ארץ ישראל.—

[35] Surroundings.

— שלום, חנה! —

ראובן האָט זיך אומגעקערט צו די פּאַרטיזאַנען אין יוגאָס־לאַוויע און חנה איז געגאַנגען ווייטער. אין איין האַנט האָט זי גע־האַלטן אַ קוישל [36] מיט עסן און אין דער צווייטער האַנט די ביקס און די ראַדיאָ. אויפן וועג האָט זי פון דערווייטנס געזען דייטשן, איז זי אַריין צווישן די ביימער און דאָרט ווייטער געגאַנ־גען, און זיי האָבן זי ניט געזען. דערנאָך איז זי צוגעקומען צו אַ טייכל. זי האָט אויסגעטאָן אירע קליידער, זיי געטראָגן אויף אירע הענט און אַריבער דאָס טייכל.

אין אָוונט איז זי געקומען אין אַ קליין דערפל. ס׳איז געווען אַן אונגעריש דערפל. אַ מאַן האָט זי געזען און געפרעגט:

— ווער ביסטו? און וואָס טוסטו דאָ? —

— איך בין געקומען זען דעם ברודער פון מיין פאָטער. ווייס־טו וואו דאָס הויז פון קושאַק איז? — האָט חנה געפרעגט אין אונ־געריש.

דער מאַן האָט געמיינט, אַז זי איז אַן אונגעריש מיידל און האָט איר געזאָגט:

— אָט דאָרט איז דאָס הויז פון קושאַקן. —

חנה איז אַוועק צו דעם הויז. קושאַק האָט איר געעפנט די טיר. זי האָט אים געגעבן דעם בריוו פון דעם עלטסטן פון די יוגאָסלאַווער פּאַרטיזאַנען. ער האָט אים איבערגעלייענט און געזאָגט:

— זיי געגריסט. איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען. איך בין אַן אונגערישער פּאַרטיזאַן. מאָרגן וועל איך גיין מיט דיר קיין בודאַפּעסט. —

[36] Basket.

כ

די גאַנצע נאַכט איז חנה געווען ביי קושאַקן אין הויז. אינדער־פרי, איידער די זון איז אַרויס, איז זי אויפגעשטאַנען און אַוועק מיט דעם מאַן פונעם הויז. זיי זיינען געגאַנגען קיין בודאַפּעסט. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל זיי זען. דערפאַר זיינען זיי ניט געגאַנגען אויפן הויפּטוועג, נאָר דורך די פעלדער. זיי זיינען געגאַנגען אַ שעה און נאָך אַ שעה. פּלוצים האָבן זיי דערזען דייטשישע סאָלדאַטן אויפן וועג. זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אויפן פעלד. אָבער די דייטשן האָבן זיי דערזען און זיינען צוגעקומען צו זיי. זיי האָבן געפרעגט חנהן:

— וואָס טוסטו דאָ אין פעלד?—

— איך האָב ליב צו שפּאַצירן אין פעלד, אין אַ שיינעם טאָג..

[37] Spy.

— און וואָס האָסטו אין דיין האַנט? —

זיי האָבן איר אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער האַנט און די ראַדיאָ איז אַראָפּגעפאַלן, אויף דער ערד.

— אַזוי! — האָבן די דייטשן אויסגערופן — דו ביסט אַ שפּיאָן! [37] —

זיי האָבן זי געשלאָגן מיט די ביקסן און זי גענומען מיט זייער אויטאָמאָביל קיין בודאַפּעסט.

חנה האָט די גאַנצע צייט געטראַכט: דאָס איז מיין סוף. זיי וועלן מיך הרגענען. איך וועל די יידן ניט קענען ראַטעווען. אויך מיין מוטער וועל איך ניט זען... אוי, גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיר דאָס געטאָן?

זיי זיינען אָנגעקומען קיין בודאַפּעסט. אָט זיינען די גאַסן און די הייזער פון דער שטאָט. חנה האָט זיך דערמאָנט די טעג, ווען זי איז דאָ געווען מיט איר פאָטער און מוטער...

זיי האָבן זי געבראַכט צו דעם הויז פון דעם נאַצישן מיליטער, דער אָפיציר איז געזעסן אין צימער. ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ חיה.

— ווי הייסטו! — האָט דער נאַצי הויך געשריגן.

חנה האָט ניט געענטפערט.

— ווער האָט דיך אַהער געשיקט? — האָט דער נאַצי גערעוועט [38] ווי אַ חיה.

חנה האָט ניט געענטפערט.

דאַן האָט דער נאַצי אָנגעהויבן צו רעדן געלאַסן [39].

— דו ביסט אַ יונג מיידל. דו ווילסט לעבן. מיר ווייסן, אַז דאָס ענגלישע מיליטער האָט דיך אַהער געשיקט, צו זיין דאָ אַ שפּיאָן. אויב דו וועסט מיר ענטפערן אויף אַלע מיינע פראַגעס, וועסטו בלייבן לעבן, אויב ניט — וועסטו שטאַרבן. דו קענסט אונדז

[38] Raved. [39] Quietly.

העלפן און זיך אַליין העלפן. מיר זיינען גוט צו די אַלע, וואָס העלפן אונדז.—

חנה האָט רואיק געענטפערט:

— איר זענט חיות און ניט קיין מענטשן. איר האָט געהרגעט מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט. איר האָט געהרגעט מיליאָנען יידן און וועט מיך אויך הרגענען, איך ווייס דאָס.—

דער נאַצי האָט ווידער געלאַסן גערעדט:

— איך וויל דיך ניט הרגענען. דו ביסט אַ שיין מיידל. איך האָב ליב שיינע מיידלעך. אויב דו וועסט אונדז אויסזאָגן, ווי מ׳רעדט דורך דיין ראַדיאָ צו דעם ענגלישן מיליטער — וועסטו זיין פריי.—

חנה האָט גאָרניט ניט געענטפערט.

דער נאַצי האָט א רוף געטאָן:

— פריץ! קורט!—

צוויי דייטשישע סאָלדאַטן האָבן געעפנט די טיר און זיינען אַריין אין צימער. דער נאַצי האָט באַפוילן:

— דאָס יידישע מיידל וויל ניט רעדן. עפנט איר דאָס מויל!

די צוויי סאָלדאַטן האָבן זי אָנגעהויבן שלאָגן. זי איז געפאַלן אויף דער ערד. זיי האָבן אויף איר געגאָסן וואַסער. חנה האָט געעפנט די אויגן.

דער נאַצי האָט געשריגן:

— נו, איצט וועסטו רעדן?—

חנה האָט ניט געעפנט דאָס מויל. זי האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— עפנט איר דאָס מויל! — האָט דער נאַצי ווידער גערעוועט.

פריץ און קורט האָבן חנהן געשלאָגן איבערן פנים, איבערן קאָפּ. געשלאָגן אָן רחמנות. חנה האָט ניט געוויינט, ניט געשריגן.

דריי מאָל איז זי אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד, ווי טויט. מ׳האָט אויף איר געגאָסן וואַסער און זי איז אויפגעשטאַנען, נאָר זי האָט גאָרניט ניט געזאָגט.

מ׳האָט זי אַוועקגענומען אין תפיסה [40] אַריין.

חנה איז געווען פאַרשפאַרט אין אַ צעל, אין תפיסה. יעדן טאָג האָט מען זי געבראַכט צו דער נאַצי הויפּט-קוואַרטיר,[41] זי גע-פרעגט אַ סך פראַגעס און זי אָפט געשלאָגן. זיי האָבן געוואָלט וויסן ווי אַזוי מ׳קען דורך דער ראַדיאָ רעדן צו דער ענגלישער אַרמיי. נאָר חנה האָט ניט גערעדט און ניט געענטפערט קיין וואָרט.

חנה האָט זייער געליטן [42] אין תפיסה. זי האָט געהערט, אַז די נאַציס הרגענען די יידן אין בודאַפּעסט און זי האָט גאָרניט ניט געקענט טאָן. זי האָט געטראַכט וועגן איר מוטער, זי האָט זי זייער געוואָלט זען. אָבער זי האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ סכנה עס איז, אויב די נאַציס וועלן זיך דערוויסן, אַז זי האָט אַ מוטער אין בודאַפּעסט.

חנהס מוטער האָט גאָרניט געוואוסט וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך געטראָפן [43] מיט איר טאָכטער. זי האָט געמיינט, אַז חנה איז אין ארץ ישראל און לעבט דאָרט בשלום.

אין איין אינדערפרי האָבן די נאַציס ווידער געבראַכט חנהן פאַרן אָפיציר און ער האָט זי געפרעגט:

— ווילסטו זען דיין מוטער?—

חנה האָט ניט געקענט אפילו עפענען דאָס מויל. וואָס? זיי האָבן זיך דערוואוסט [44] ווער איר מוטער איז?

אַ גרויס געראַנגל [45] איז פאָרגעקומען אין איר האַרץ. זי האָט דאָך די גאַנצע צייט נאָר געטראַכט וועגן איר מוטער און גע-

[40] Jail. [41] General headquarters. [42] Suffered. [43] Happened. [44] Got to know. [45] Struggled.

וואָלט זי זען און איצט — וואָס זאָל זי זאָגן? זאָגן יאָ — און זען די מוטער?... ס'וועט אָבער זיין שלעכט, אויב די מוטער וועט קומען אַהער. ניין, האָט זי ביי זיך באַשלאָסן,[46] זי וועט ניט זאָגן.

— איך האָב ניט קיין מוטער... — האָט חנה געזאָגט.

צוויי נאַציס האָבן געעפנט די טיר. אין צימער איז אַריינגעקומען חנהס מוטער. חנה איז געשטאַנען און זיך ניט געטאָן קיין ריר. איר האַרץ האָט געקלאַפּט — אָט איז די מוטער, די גוטע מוטער, וואָס דו האָסט אַזוי ליב... אָט שטייט זי דאָ לעבעדיק... ווי וואָלט איך געוואָלט זי קושן... רעדן צו איר...

נאָר חנה האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— ווייסטו ווער די פרוי איז? — האָט דער נאַצי געפרעגט.

— ניין, איך ווייס ניט — האָט חנה געזאָגט — איך זע זי צום ערשטן מאָל...—

— ווייסטו ווער דאָס מיידל איז? — האָט דער נאַצי געפרעגט די מוטער.

די מוטער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר טאָכטער — און זי האָט פאַרשטאַנען....

— ניין... — האָט זי געזאָגט — איך ווייס ניט...

— גוט. — האָט געזאָגט דער נאַצי און איז אַרויסגעגאַנגען. אויך די צוויי סאָלדאַטן זיינען אַרויסגעגאַנגען און האָבן צוגעמאַכט די טיר.

חנה און איר מוטער זיינען ביידע געבליבן אַליין אין דעם צימער.

— מיין חנהלע! מיין חנהלע! — האָט די מוטער אויסגערופן און איז צוגעפאַלן צו דער טאָכטער.

זי האָט חנהן געקושט און געוויינט.

[46] Decided.

— טאַכטער מיינע, פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן? —

— מוטער מיינע! מוטער! איך האָב געוואָלט טאָן עפּעס גוטס... איך האָב געוואָלט דיך ראַטעווען, מאַמע!...—

— אוי, טאַכטער, טאַכטער, איך זע, וואָס זיי האָבן דיר געטאָן...—

—ס׳מאַכט ניט אויס מוטער. מיר מוזן זיין שטאַרק... איך טראַכט איצט נאָר וועגן דיר, מאַמע... וואָס וועלן זיי טאָן?...

פּלוצים האָבן די נאַציס געעפנט די טיר און געזען: חנה און די מוטער קושן איינע די צווייטע...

כב

טעג און וואָכן איז חנה געזעסן אין תפיסה. אויך איר מוטער איז געזעסן אין דער זעלבער תפיסה — נאָר אין אַן אַנדער צימער. מ׳האָט חנהן ניט געלאָזט זען איר מוטער. זי האָט זיך אָבער געזען פון דער ווייטנס, דורך דעם פענצטערל און „גערעדט״ צו איר מיט די הענט.

זייער ביטערע טעג זיינען די טעג געווען פאַר חנהן. זי האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז די נאַציס זאָלן זען, אַז זי איז טרויעריק. ווען איינער פון די נאַציס איז געקומען צו איר אין צימער אַריין האָט זי זיך געמאַכט ווי זי איז פריילעך. אויך איר מוטער האָט זי געלאָזט וויסן, אַז איר איז גוט. טאָג טעגלעך האָט זי „גערעדט״ צו דער מוטער מיט די הענט, דורכן פענצטערל. זי האָט איר געזאָגט: „מוטער, זיי ניט טרויעריק, באַלד וועלן קומען די רוסן און עס וועט נעמען אַ סוף צו די דייטשן. מיר׳ן נאָך זיין אינאיינעם אין ארץ ישראל״.

זי האָט פאַרלאַנגט[47] מען זאָל איר געבן אַ תנ״ך און זי האָט אין אים געלייענט די גאַנצע צייט. זי האָט אויך געשריבן לידער

[47] Demanded.

אין תפיסה, וועגן פאָלק ישראל און וועגן ארץ ישראל. זי האָט גע־זונגען אין צימער אויף אַ קול און די ווערטער פון תפיסה האָבן געהערט ווי זי זינגט און האָבן איינער צום צווייטן געזאָגט:

— אַ מערקווירדיק[48] מיידל איז אָט דאָס מיידל. מ'שלאָגט זי די גאַנצע צייט, באַלד וועט מען זי אפילו הרגענען און זי זינגט מיט פרייד...

[48] Extraordinary.

אַלע אַרעסטירטע און אויך די וועכטער האָבן זי זייער ליב באַקומען. זי האָט זיי דערציילט וועגן ארץ ישראל, וועגן די יידן, וועגן דעם לעבן אין שדות ים און זיי האָבן גערן[49] זיך צוגעהערט צו אירע ווערטער.

אין איין אינדערפרי האָט זיך געעפנט די טיר און אין צימער איז אַריין דער נאַצישער אָפיציר מיט חנהס מוטער. דער נאַצי האָט חנהן געזאָגט:

— מיר ווילן דו זאָלסט אונדז אויסזאָגן וואו זיינען די עראָ-פּלאַנען און די מיליטערישע קוואַרטירן פון די ענגלענדער אין ארץ ישראל. אויב דו וועסט עס אונדז זאָגן איז גוט און אויב ניט — וועלן מיר הרגענען דיין מוטער.—

— ניין, ניין, איך וועל זיי ניט לאָזן הרגענען מיין מוטער — האָט חנה געטראַכט אין האַרצן — אָבער אויב איך וועל זיי זאָגן... וועלן זיי אויסהרגענען אויך אַלע יידן אין ארץ ישראל...—

חנה האָט געזען די גוטע אויגן פון איר מוטער און זי האָט זיך געפרעגט: וואָס זאָגט די מאַמע? און די אויגן פון דער מוטער האָבן געזאָגט: — ניין, חנה, זאָג זיי ניט! זאָל מען מיך הרגענען און ניט אַזויפיל יידן.—

— ניין, איך וועל ניט זאָגן! — האָט חנה געענטפערט.

— זייער גוט האָסטו געטאָן, מיין טאָכטער. — האָבן די אויגן פון דער מוטער צו איר געוואונקען.

די נאַציס זיינען אַרויס פון צימער, אינאיינעם מיט חנהס מו-טער. זיי האָבן זי אָבער ניט געהרגעט.

[49] Gladly.

איינמאָל איז מען געקומען און אַוועקגענומען חנהן צו דעם געריכט-הויז.[50] דער גרויסער זאַל פון געריכט איז געווען פול מיט מענטשן. אַלע זיינען געווען דייטשישע און אונגערישע נאַ-ציס.

דער דייטשישער אָפיציר איז אויפגעשטאַנען און דערציילט:

— אונדזערע סאָלדאַטן האָבן געפונען אָט דאָס יידישע מיידל, חנה סענעש, מיט אַ ביקס און אַ ראַדיאָ אין אירע הענט. די ענגלישע אַרמיי האָט זי געשיקט צו זיין אַ שפּיאָן אין דעם לאַנד. זי האָט אונדז ניט געוואָלט דערציילן גאָרניט וועגן דער ענגלישער אַרמיי, אָבער מיט איר ראַדיאָ האָט זי געקענט זיך פאַרבינדן מיט די ענגלענדער און זיי אַרויסגעבן אונדזערע מי-



[50] Court house.

ליטערישע סודות. חנה סענעש איז אַ טאָכטער פון אונגערן און זי איז געקומען העלפן די פיינד פון איר לאַנד. חנה סענעש, די שפּיאָנקע, דאַרף געטויט ווערן. זי איז אַ שונא פון איר לאַנד אונ־גערן.—

דערנאָך זיינען אויפגעשטאַנען נאָך אַנדערע מיליטערלייט און דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן געפונען חנהן אין פעלד, ווי אַזוי זיי האָבן זי געבראַכט אין דער תפיסה אַריין און ווי אַזוי זיי האָבן געפונען איר מוטער.

דער ריכטער איז אויפגעשטאַנען און געפרעגט:

— ווילסט עפּעס זאָגן, חנה סענעש?—

חנה איז אויפגעשטאַנען. ס׳איז געווען שטיל אין געריכטזאַל. אַלע אויגן זיינען געווען געווענדט צו איר. אַלע האָבן שוין גע־האַט געהערט וועגן דעם שיינעם, העלדישן מיידל, זיי האָבן גע־לייענט וועגן איר אין די צייטונגען און איצט זיינען זיי געקומען זי זען. חנה האָט גערעדט געלאַסן:

— איך בין ניט געקומען שלעכטס טאָן די אונגערן אין דעם לאַנד. איך האָב אַ סך יאָרן געלעבט דאָ און איך ווייס, אַז די מענטשן זיינען גוטע מענטשן. איך בין געקומען זיי העלפן און זיי ראַטעווען פון די נאַציס, וואָס זיינען חיות, וואָס האָבן אומגע־בראַכט מיליאָנען פון מיין פאָלק, די יידן. איר קענט מיך הרגענען, אָבער איך ווייס, אַז איך האָב געטאָן בלויז גוטס. נאָר העלפן האָב איך געוואָלט און ראַטעווען. איר קענט הרגענען נאָך און נאָך יידן, אָבער אייער סוף וועט קומען.—

און זי האָט הויך אויסגערופן: ס׳איז שוין ניט ווייט די צייט און די נאַציס וועלן אומקומען אין דער מלחמה!—

— דאָס פאָלק ישראל לעבט! ארץ ישראל וועט לעבן! עם ישראל חי!—

חנה האָט געענדיקט אירע ווערטער און זיך אַוועקגעזעצט.

די ריכטער זיינען אַרויס פון זאַל. דערנאָך זיינען זיי צוריק־געקומען און דער עלטסטער פון די ריכטער איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— חנה סענעש, דו וועסט שטאַרבן!—

כד

נאָר איין נאַכט נאָך איז זי געווען אין איר צעל, אין תפיסה. דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט אין לעבן פון חנהן. זי האָט גע־בעטן אַ דערלויבעניש צו זען איר מוטער, נאָר מ׳האָט איר אָפּגע־זאָגט. די גאַנצע נאַכט איז זי געזעסן און געלייענט דעם תנ״ך. זי האָט געטראַכט וועגן איר לעבן, זי האָט זיך דערמאָנט די ווערטער, וואָס איר פאָטער האָט איר געזאָגט, פאַר זיין טויט:

— חנה, איך וויל דו זאָלסט טאָן גרויסע זאַכן פאַר דער מענטשהייט.—

— האָב איך געטאָן עפּעס אַ גרויסע זאַך?—

... גאָט ווייסט... אויך דער טאַטע ווייסט עס... איך האָב גע־וואָלט, זייער געוואָלט, טאָן...

זי האָט נאָך אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן ארץ ישראל. זי האָט אַזוי ליב דאָס לאַנד. זי וועט עס אָבער מער ניט זען.

זי האָט אָנגעשריבן צוויי בריוו. איין בריוו צו דער מוטער און איינעם צו די חברים אין ארץ ישראל.

צו דער מוטער האָט זי געשריבן:

גוטע מאַמע,

איך בין ניט געווען קיין גוטע טאָכטער. אָבער דו ווייסט, אַז כ׳האָב געוואָלט טאָן נאָר גוטס. איך האָב דיך ליב מיט מיין גאַנץ האַרץ....

דיין חנה.

און צו די חברים אין ארץ ישראל האָט זי געשריבן:

כ׳האָב ניט באַוויזן [51] צו טאָן, וואָס איך האָב געוואָלט. שיקט נאָך מענטשן. איך שטאַרב אין אונגערן אָבער מיין האַרץ איז אין ארץ ישראל.

חנה.

אינדערפרי, איז אין צימער אַריין דער נאַצישער אָפיציר. — גוט מאָרגן! — האָט ער געזאָגט.

חנה איז ניט אויפגעשטאַנען און האָט ניט געענטפערט.

ער האָט גענומען רעדן:

— חנה, היינט וועסטו שטאַרבן. אויב דו ווילסט לעבן, דאַרפ־סטו בעטן מען זאָל דיר מוחל זיין. איך מיין, אַז אויב דו וועסט בעטן מ׳זאָל דיך באַגנעדיקן [52], וועסטו ניט שטאַרבן.—

חנה איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— פון נאַציס בעט איך גאָרניט!—

דער נאַצי איז אַרויסגעגאַנגען. עס זיינען אריינגעקומען צוויי וועכטער און גענומען חנהן.

כה

אין תפיסה הויף איז געשטאַנען אַ גרויסער בוים. אַהין האָבן די וועכטער געבראַכט חנהן. זי איז געשטאַנען לעבן דעם בוים. דריי סאָלדאַטן מיט ביקסן זיינען געשטאַנען פון דערווייטנס, זייערע ביקסן געצילט [53] אויף חנהן.

דער נאַצי איז צוגעגאַנגען און געוואָלט פאַרבינדן אירע אויגן, נאָר זי האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבער דער האַנט און אויסגערופן:

— אַוועק! איך וויל שטאַרבן מיט אָפענע אויגן.—

[51] Succeeded. [52] Pardon [53] Aimed.

זי איז געשטאַנען און אירע אויגן זיינען געווען אָפן. זי האָט נאָך איינמאָל געזען דעם הימל, די זון... און אַ גרויס ליכט איז געווען אין אירע אויגן...

די ביקסן האָבן געשאָסן. חנה איז געפאַלן טויט אויף דער ערד.

כו

נאָך דער מלחמה איז קאַטערינאַ סענעש, חנהס מוטער, גע־קומען קיין ארץ ישראל. אויך גיורא מיט זיין פרוי זיינען געקו־מען לעבן אין ישראל.

טאָג ווי נאַכט האָט די מוטער געטראַכט וועגן איר טאָכטער חנה. זי האָט געדענקט דעם טאָג, ווען חנה האָט איר געזאָגט:

— איך וויל לעבן אין מיין לאַנד. דאָס לאַנד וואו מיינע ברי־דער, די יידן לעבן און אַרבעטן דאָרט.—

— איצט פאַרשטיי איך דיינע ווערטער, טאָכטער מיינע—האָט די מוטער געטראַכט — איצט בין איך געקומען צו דיר, נאָר דו ביסט ניטאָ, טאָכטער מיינע... „מיין אָרט איז אין ארץ ישראל", אַזוי האָסטו געזאָגט, חנהלע. וועט מען דיך צוריקברענגען פון דאָרטן, פון יענער ערד, צו דיין אָרט אין ארץ ישראל?...—

און עס איז געקומען דער טאָג און חנה איז צוריקגעקומען...

זעקס יאָר זיינען אַוועק פון דעם טאָג, וואָס די נאַציס האָבן חנהן געהרגעט, אויפן הויף פון דער תפיסה, אין בודאַפעסט.

אין אַ פרילינג טאָג, אין יאָר 1950, פאַר פסח, איז געקומען אַ קריגס שיף פון ישראל צו דעם חיפה׳ר ברעג. אסך מענטשן זיי־נען געקומען באַגעגענען די שיף. צווישן זיי איז אויך געווען קאַ־טערינאַ סענעש און איר זון גיורא מיט זיין פרוי.

די שיף האָט געבראַכט דעם אָרון מיט חנהס ביינער.

די מוטער האָט זיך איצט דערמאָנט דעם פרילינג טאָג, ביי דעם ברעג ים פון דער שטאָט טריעסט:

...„דו וועסט קומען, מוטער, אַ יאָ?... דו וועסט אינגיכן קו-מען...״ אַזוי האָסטו געזאָגט, טאָכטער. און איך בין ניט גיך גע-נוג געקומען, חנה, מיין מיידעלע...

מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם אָרון פון דער שיף. אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ מיט ווייטיק, ליבשאַפט און טיפן רעס-פּעקט.

און אויך אין דעם טאָג, ווי דעמאָלט ביים ברעג ים אין טריעסט, ווי אין דער תפיסה אין בודאַפּעסט, זיינען ניט געווען קיין טרערן אין דער מוטערס אויגן, נאָר איר האַרץ האָט גע-וויינט...

פון חיפה האָט מען דעם אָרון [54] געפירט קיין ירושלים. אויפן וועג איז דער אָרון געבליבן אַ ווייל אין שדות-ים, אין די פעל-דער, וואָס חנה האָט אַזוי ליב געהאַט, דאָרט וואו זי האָט געאַר-בעט און געזונגען און געבראַכט פרייד די איינוווינער פון דעם אָרט. פון שדות-ים האָט מען דערנאָך געבראַכט דעם אָרון קיין ירושלים, צום הר הרצל, דער בית הקברות [55] פון די ישראל העלדן. דאָרט האָט מען חנהן מקבר געווען [56], לעבן דעם קבר פון הרצלען. דאָרט האָט געפונען איר אייביקע רו די העלדין פון אונדזער צייט: חנה סענעש!

[54] Casket. [55] Cemetery. [56] Buried.